בעזרת השם יתברך

ספר

# אשר היה אל יואל

דברות קודש וואס מיר האבן געהאט די זכיה צו הערן

**פונעם ראש ישיבה שליט"א**

שבת קודש פרשת יתרו - קבלת התורה, שנת תשפ"ג לפרט קטן,
אין וויליאמסבורג יע"א יע"א, ביי שלש סעודות.

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש

## וויליאמסבורג

**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש

## באראפארק

**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש

## קרית יואל

**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש

## קרית יואל

**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש

## בלומינגראוו

**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש

## מאנסי

**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש

## ירושלים

**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש

## בני ברק

**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**

נדפס ע"י

## קרן הדפסה
## היכל הקודש

2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב

**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב

**212.444.9169**

## שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת יִתְרוֹ תשפ"ג לִפְרָט קָטָן, אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעוֶוען אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג יע"א, בַּיי סְעוּדָה שְׁלִישִׁית הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פָּארְגֶעלֶערְנְט סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקפ"ז.

אֵיידֶער מֶען הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן דֶעם שִׁיעוּר הָאט מֶען גֶעזִינְגֶען דֶעם נִיגּוּן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הָאבּ שׁוֹין אוֹיף מִיר רַחֲמָנוּת אִיךְ ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד".

### לֶערְנֶען דִי שְׁמוּעֶסְן פוּן רֶבִּי'ן

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן: דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שנח): "מִיט יֶעדֶע שְׁמוּעֶס וָואס אִיךְ שְׁמוּעֶס מִיט עֶנְק, קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אוּן נִישְׁט סְתָּם אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אַזוֹי ווִי עֶס הֵייסְט אִין דִי ווֶעלְט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, נָאר דָאס וָואס מֵיינְט בַּיי מִיר אַן עֶרְלִיכֶער אִיד!" אוּן רֶבִּי נָתָן לֵייגְט צוּ (שָׁם) אַז דָאס אִיז נִישְׁט גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן נָאר פַאר דֶעם וָואס הָאט גֶעלֶעבְּט אִין רֶבִּינְ'ס דוֹר, אוּן הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּם הֶערְן שְׁמוּעֶסְן פוּן רֶבִּי'ן אַלֵיינְס, נָאר ווֶער עֶס ווֶעט זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין דִי שְׁמוּעֶסְן פוּן רֶבִּי'ן, אִין שִׂיחוֹת הָרַ"ן אוּן חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, ווֶעט אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ ווֶערְן אַזַא עֶרְלִיכֶער אִיד.

### חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן תקפ"ז

שְׁרַייבְּט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן: שָׁמַעְתִּי אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אֵיךְ שֶׁאֶחָד מִבְּנֵי הַנְּעוּרִים הַקְּטַנִּים הָיָה שׁוֹכֵב בְּחַדְרוֹ שֶׁל רַבֵּנוּ זַ"ל אַ אִינְגְל אָדֶער אַ בָּחוּר אִיז גֶעשְׁלָאפְן אִין רֶבִּינְ'ס צִימֶער, פַּעַם אַחַת נִגַּשׁ אֶל רַבֵּנוּ זַ"ל אֵיין מָאל אִיז עֶר צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם רֶבִּי'ן וְהִתְחִיל לִבְכּוֹת לְפָנָיו כַּאֲשֶׁר שֶׁרוֹצֶה לִהְיוֹת אִישׁ כָּשֵׁר עֶר הָאט אָנְגֶעפַאנְגֶען ווֵיינֶען צוּם רֶבִּי'ן: "רֶבִּי, אִיךְ ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד".

וְרַבֵּנוּ זַ"ל כְּבָר הָיָה שׁוֹכֵב עַל מִטָּתוֹ. דֶער רֶבִּי אִיז שׁוֹין גֶעלִיגְן אִין בֶּעט, וְעָמַד רַבֵּנוּ זַ"ל וְיָשַׁב עַל מִטָּתוֹ, וְהִתְחִיל לְדַבֵּר עִמּוֹ דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעזֶעצְט אוֹיפְ'ן בֶּעט אוּן אָנְגֶעפַאנְגֶען רֶעדְן צוּ אִים. אַ בָּחוּר וָואס ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער

אִיד אִיז נִישְׁט קַיין פָּשׁוּטְ'עֶ זַאךְ, הָאט זִיךְ דֶער רֶבִּי אוֹיפְגֶעזֶעצְט אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן צוּ אִים.

וֶוען מֶען לֶערְנְט דִי שִׂיחָה טְרַאכְט יֶעדֶער 'וֶוען אִיךְ קֶען וֶוען אַרַיין גֵיין צוּם רֶבִּי'ן וָואלְט אִיךְ מַמָּשׁ דָאס גֶעבֶּעטְן, "אִיךְ וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד", עֶס קֶען זַיין אַז דוּ דַארְפְסְט אַ הוֹיז, דוּ דַארְפְסְט אַ קַאר, אִיךְ וָואלְט גֶעבֶּעטְן אֵיין זַאךְ "אִיךְ וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד", אוּן אִיךְ וֶועל פְרֶעגְן דֶער רֶבִּי וָואס אִיז דִי עֵצָה צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אֶפְשָׁר דַארְף מֶען פַאסְטְן, אֶפְשָׁר דַארְף מֶען טוּן עֲבוֹדוֹת קָשׁוֹת, אֶפְשָׁר דַארְף מֶען זִיךְ זֶעצְן לֶערְנֶען שָׁעוֹת רְצוּפוֹת.

מִיר וֶועלְן זֶען וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט פַאר דֶעם בָּחוּר. וְהוֹרָה לוֹ הַדֶּרֶךְ בָּזֶה. וְגַם צִוָּה עָלָיו אֵיזֶה לִמּוּדִים שֶׁיִּלְמַד דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט, לֶערְן אַבִּיסְל מִשְׁנָיוֹת, לֶערְן אַבִּיסְל דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה. וְגַם צִוָּה עָלָיו שֶׁיִּהְיֶה מִמָּארֵי דְחוּשְׁבְּנָא, אוֹיךְ הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט עֶר זָאל זִיךְ מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ, הַיְינוּ שֶׁבְּכָל לַיְלָה קֹדֶם שֶׁיִּשְׁכַּב עַל מִטָּתוֹ יַחֲשֹׁב אֵיךְ עָבַר עָלָיו הַיּוֹם יֶעדֶע נַאכְט פַאר עֶר גֵייט שְׁלָאפְן זָאל עֶר אַרִיבֶּער גֵיין דֶעם טָאג אוּן זֶען 'וִוי אַזוֹי אִיז מִיר אַרִיבֶּער דֶעם טָאג', אִם לָמַד וְהִתְפַּלֵּל כָּרָאוּי בְּיוֹם זֶה, אוֹיב הָאט עֶר גֶעלֶערְנְט אוּן גֶעדַאוְונְט וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, יוֹדֶה לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ זָאל עֶר זָאגְן "שְׁכּ'חַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז אִיךְ הָאבּ הַיינְט גֶעלֶערְנְט", "שְׁכּ'חַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז אִיךְ הָאבּ הַיינְט גֶעדַאוֶונְט", וַיֹּאמַר לוֹ שֶׁבַח וְהוֹדָאָה לְשִׁמְךָ הַגָּדוֹל וְהַקָּדוֹשׁ עַל שֶׁזִּכִּיתַנִי לִלְמֹד וּלְהִתְפַּלֵּל בַּיּוֹם הֶעָבָר כִּרְצוֹנְךָ קְצָת, וּמִתְחַנֵּן אֲנִי לְפָנֶיךָ ה' אֱלוֹקַי שֶׁתַּעַזְרֵנִי בַּיּוֹם הַבָּא לְמָחָר לְהוֹסִיף בַּעֲבוֹדָתְךָ בְּתוֹרָה וּתְפִלָּה מְרֻבָּה בְּיוֹתֵר, וּבְכַוָּנָה שְׁלֵמָה בְּיוֹתֵר, אוּן עֶר זָאל זָאגְן: "שְׁכּ'חַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען אוּן אִיךְ בֶּעט דִיךְ הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אוֹיף מָארְגְן אִיךְ זָאל מֶער לֶערְנֶען אוּן מֶער דַאוֶונֶען".

## אַ גְרִינְגֶע וֶועג

אִיר הֶערְט וָואס דָא גֵייט פָאר?! דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אִים אַזַא גְרִינְגֶע וֶועג, אַזַא גְרִינְגֶע עֵצָה! בַּאלְד וֶועט מֶען רֶעדְן פוּן דֶעם אוֹיב עֶס אִיז אַזַא גְרִינְגֶע עֵצָה פַארְוָואס אִיז עֶס אַזוֹי שְׁוֶוער צוּ פָאלְגְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט פַאר דֶעם מֶענְטְש וָואס ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, פַאר דוּ גֵייסְט שְׁלָאפְן זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן, אִיךְ הָאבּ הַיינְט גֶעלֶערְנְט חוּמָשׁ? אִיךְ הָאבּ גֶעעֶנְדִיגְט מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין דִי גַאנְצֶע פַּרְשָׁה? אוֹיבּ יָא, זָאג: "שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז עֶס אִיז אַרִיבֶּער נָאךְ אַ וָואךְ אוּן אִיךְ הָאבּ מַעֲבִיר סֶדְרָה גֶעוֶוען".

וְאִם חַס וְשָׁלוֹם לֹא לָמַד וְהִתְפַּלֵּל כָּרָאוּי בַּיּוֹם הֶעָבָר, אוּן אוֹיבּ חַס וְשָׁלוֹם עֶר הָאט נִישְׁט גֶעדַאוֶונְט אוּן גֶעלֶערְנְט ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין, יִתְוַדֶּה וְיִתְחַנֵּן לְפָנָיו יִתְבָּרַךְ וְיֹאמַר, זָאל עֶר זָאגְן פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם יָדַעְתִּי כִּי פָּשַׁעְתִּי בַּיּוֹם הַזֶּה וְלֹא עֲבַדְתִּיךָ כָּרָאוּי לֹא בְּתוֹרָה וְלֹא בִּתְפִלָּה וְכוּ' וְעַתָּה מְבַקֵּשׁ וּמִתְחַנֵּן אֲנִי לְפָנֶיךָ וְכוּ' שֶׁתִּמְחַל וְתִסְלַח לִי עַל הֶעָבָר שֶׁלֹּא עֲבַדְתִּיךָ כָּרָאוּי וְתַעַזְרֵנִי לְמָחָר בַּיּוֹם הַבָּא לַעֲבֹד עֲבוֹדָתְךָ בְּתוֹרָה וּתְפִלָּה בְּכַוָּנָה וּבִשְׁלֵמוּת הָרָאוּי כִּרְצוֹנֶךָ, "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ וֵוייס אַז הַיינְט הָאבּ אִיךְ גֶעטוּן אַן עֲבֵירָה, אִיךְ הָאבּ דִיךְ נִישְׁט גֶעדִינְט ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעדַאוֶונְט אוּן גֶעלֶערְנְט ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין, בֶּעט אִיךְ דִיךְ זַיי מִיךְ מוֹחֵל אוּן הֶעלְף מִיךְ אַז מָארְגְן זָאל אִיךְ יָא לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין".

## שְׁמוּעֶס דוּרְךְ מִיט'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן

מִיר שְׁטֵייעֶן יֶעצְט סוֹף שׁוֹבָבִי"ם, יֶעדֶער ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, דִי פְּרַאגֶע אִיז נָאר: "וָואס טוּט מֶען?" מֶענְטְשְׁן זֶענֶען פַארְלוֹירְן אוּן צֶעמִישְׁט, דֶער גֶעבְּט אַזַא עֵצָה אוּן דֶער גֶעבְּט אַזַא עֵצָה, דֶער רֶבִּי הָאט אַן עֵצָה, שְׁמוּעֶס דִיךְ דוּרְךְ מִיט'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, פַאר דוּ גֵייסְט שְׁלָאפְן זָאג פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם עֶס אִיז אַרִיבֶּער גֶעגַאנְגֶען אַ וָואךְ אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט מַעֲבִיר סֶדְרָה גֶעוֶוען, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אַז קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ, פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, זָאל אִיךְ יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען אַבִּיסְל חוּמָשׁ מִיט תַּרְגּוּם", אוֹיבּ מֶען קֶען זָאל מֶען לֶערְנֶען מִיט רַשִׁ"י, מוֹהֲרָא"שׁ בְּרֶענְגְט אִין אֲשֶׁר בַּנַּחַל אַז רַשִׁ"י הָאט מַבְטִיחַ גֶעוֶוען וֶוער עֶס וֶועט לֶערְנֶען חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ"י יֶעדְן טָאג, אוּן עֶר וֶועט עֶנְדִיגְן יֶעדֶע וָואךְ דִי חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ"י, וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ זִיצְן אִין זַיין הֵיכָל אִין גַן עֵדֶן! וֶוער ווִיל דֶען נִישְׁט זִיצְן אִין אֵיין הֵיכָל מִיט רַשִׁ"י הַקָּדוֹשׁ?!

## עֶס אִיז צוּ פָּשׁוּט

פַארְוָואס טַאקֶע כַאפְּן זִיךְ נִישְׁט מֶענְטְשְׁן צוּ צוּ דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי'ן? וַוייל עֶס אִיז צוּ פָּשׁוּט, אַ מֶענְטְשׁ גְלֵייבְּט נִישְׁט אִין דֶעם, אַז דֶער מַגִּיד שִׁיעוּר וֶועט זָאגְן "**וֶוער עֶס וֶועט לֶערְנֶען צֶען שָׁעָה רְצוּפוֹת, אוּן כַאפְּן אַ נֶערְוְון בְּרָאךְ, דָאס אִיז עֲבוֹדַת הַשֵּׁם**", אָדֶער אֵיינֶער וֶועט זָאגְן "**שְׁטֵיי אוֹיף דַיין קָאפּ!**" - וֶועט מֶען עֶס אָנְנֶעמֶען.

מוֹהֲרַא"שׁ פְלֶעגְט זָאגְן דִי אַלֶע מַנְהִיגִים וָואס ווִילְן צִיעֶן מֶענְטְשְׁן אוּן עֶס גֵייט זֵיי נִישְׁט צוּ צִיעֶן מֶענְטְשְׁן, מַאכְן זֵיי אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע פַאקְסְן, וַוייל אַזוֹי זֶענֶען מֶענְטְשְׁן, אַז מֶען זֶעט אַ מֶענְטְשׁ זִיצְט, עֶר עֶסְט, עֶר גֵייט אוּן קוּמְט, טְרַאכְט מֶען 'עֶר קֶען נִישְׁט זַיין קַיין רֶבִּי, עֶר קֶען נִישְׁט זַיין קַיין צַדִּיק', אָבֶּער אוֹיבּ מַאכְט עֶר זִיךְ מְשׁוּגָע, עֶר מַאכְט אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע פַאקְסְן אוּן פַאלְט אַרָאפּ פוּן בֶּענְקְל, טָאר מֶען שׁוֹין נִישְׁט רֶעדְן אוֹיף אִים, אוּן אוֹיבּ אֵיינֶער רֶעדְט אוֹיף אִים זָאגְט מֶען אִים: "**וָואס? דוּ רֶעדְסְט אוֹיף אִים? דוּ קֶענְסְט אִים נָאכְמַאכְן?!**" - יֶעדֶער קֶען עֶס נָאכְמַאכְן, נָאר אִיךְ ווִיל עֶס נִישְׁט נָאכְמַאכְן...

בַּיי מֶענְטְשְׁן אִיז אָנְגֶענוּמֶען אַז טוּן שְׁוֶוערֶע עֲבוֹדוֹת אָדֶער אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאכְן מֵיינְט אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק, אָבֶּער דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוּנְז אַ גְרִינְגֶע עֵצָה, נֶעם אַ חוּמָשׁ יֶעדְן טָאג אוּן לֶערְן אַבִּיסְל חוּמָשׁ, נֶעם אַ מִשְׁנָיוֹת יֶעדְן טָאג אוּן לֶערְן אַבִּיסְל מִשְׁנָיוֹת.

## דֶער ווִינְטֶער אִיז שׁוֹין אַרִיבֶּער

דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ וֶועג פוּן לֶערְנֶען (כַּמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ע"ו), מֶען דַארְף נָאר הָאבְּן אַבִּיסְל 'תְּמִימוּת' אוּן אַבִּיסְל 'פָּאלְגְן', נִישְׁט זַיין קַיין אוֹיבֶּער חָכָם, ווִיפִיל אִינְגֶעלַייט הָאבְּן גֶעמַאכְט פְּלֶענֶער אוֹיף דֶעם ווִינְטֶער, דֶעם ווִינְטֶער גֵייט מֶען גֶעהֶערִיג, מִיט אַ חַבְרוּתָא, דוּרְךְ קְנַאקְן סֻגְיוֹת הַשַּׁ"ס, נִישְׁט סְתַּם גֶעזָאגְט, - אִינְגֶערְמַאן; דֶער ווִינְטֶער אִיז שׁוֹין אַרִיבֶּער, דִי וָואךְ קוּמְט שׁוֹין פַּרְשַׁת שְׁקָלִים עֶס אִיז אַרִיבֶּער צְוָואנְצִיג וָואכְן...

מִיט אַבִּיסְל תְּמִימוּת, מִיט אַבִּיסְל אֱמוּנַת חֲכָמִים, מִיט פָּאלְגְן דֶער רֶבִּי, אִיז אַרִיבֶּער גֶעגַאנְגֶען אַ ווִינְטֶער אוּן אִיךְ הָאבּ יֶעדְן טָאג

גֶעזָאגְט אַבִּיסְל תַּלְמוּד בַּבְלִי, אִיךְ הָאבּ יֶעדְן טָאג גֶעזָאגְט אַבִּיסְל תַּלְמוּד יְרוּשַׁלְמִי, אִיךְ הָאבּ יֶעדְן טָאג גֶעזָאגְט פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, אִיךְ הָאבּ יֶעדְן טָאג גֶעזָאגְט אַבִּיסְל חוּמָשׁ, אִיךְ הָאבּ יֶעדְן טָאג גֶעזָאגְט אַבִּיסְל תְּהִלִּים, אוּן זִיךְ אַבִּיסְל מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶוען. עֶס זֶעט אוֹיס אַזוֹי פָּשׁוּט, אָבֶער אַז מֶען פָּאלְגְט דֶער רֶבִּי קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

אַז מֶען לֶערְנְט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, וֶוערְט מֶען אַן עֶרְלִיכֶער אִיד! דִי תּוֹרָה אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיינְ׳ס, אַז מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה וֶוערְט מֶען זוֹיבֶּער אוּן אָפְּגֶערֵיינִיגְט פוּן אַלֶע עֲבֵירוֹת, מֶען דַארְף נָאר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל פָּאלְגְן דֶעם רֶבִּי׳ן.

## חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ

עֶס קוּמְט מוֹצָאֵי שַׁבָּת, מַאךְ זִיךְ אַ חֶשְׁבּוֹן: ״הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער ווִי אַזוֹי אִיז מִיר אַרִיבֶּער דֶעם שַׁבָּת? שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ הָאבּ גֶעהִיטְן שַׁבָּת, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶערֵייכֶערְט שַׁבָּת, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהֶערְט קֵיין נֵייעֶס שַׁבָּת, שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט שֵׁיינֶע שַׁבָּת׳דִיגֶע סְעוּדוֹת, הֶעלְף אַז מָארְגְן זָאל אוֹיךְ זַיין אַ שֵׁיינֶע טָאג״.

## אוּנְז זַאךְ אִיז נָאר תְּפִלָּה

מוֹצָאֵי שַׁבָּת קֶען מֶען פִּינְקְטְלִיךְ הֶערְן דִי נֵייעֶס וואוּ דִי עֶרְד צִיטֶערְנִישׁ הַאלְט, אוּן ווִיפִיל מֶענְטְשְׁן מֶען הָאט גֶעטְרָאפְן... מֶען דַארְף אַסַאךְ מִתְפַּלֵל זַיין עֶס זָאל זַיין גוּט פַּאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער, וַוייל מֶען רֵייצְט אוֹיף דִי אַרַאבֶּער, הַיינְט אִיז נֶעבֶּעךְ גֶעוֶוען אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע טְרַאגֶעדְיֶע, אַן אַרַאבֶּער אִיז אַרַיין גֶעפָארְן אִין אִידִישֶׁע קִינְדֶער אוּן אַ אִינְגֶערְמַאן מִיט קִינְדֶער זֶענֶען נֶעבֶּעךְ אַוֶועק, דָאס קוּמְט וַוייל מֶען רֵייצְט זִיךְ מִיט זֵיי, מֶען רֶעגְט זֵיי אוֹיף, מֶען טוּט זִיךְ אוֹיף: ״מִיר הָאבְּן אַ לַאנְד״, אוּן ״מִיר קֶענֶען״, מֶען פַארְגֶעסְט אַז מִיר זֶענֶען אִין גָלוּת.

אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִין שְׁטֶעטְל, מֶען הַאלְט יֶעצְט פַּאר דִי וַואלְן, אוּן עֶס אִיז דָא אֵיינֶער וָואס לוֹיפְט, אוּן ווִיל אוּנְז נִישְׁט נָאכְגֶעבְּן גֶעווִיסֶע זַאכְן, אִינְגֶעלַייט זָאגְן מִיר, מֶען זָאל אִים

זָאגְן קְלָאר, "אַז דוּ וֶועסְט אוּנְז נִישְׁט נָאכְגֶעבְּן וֶועט מֶען נִישְׁט שְׁטִימֶען פַאר דִיר!" אִיךְ הָאבּ זֵיי גֶעזָאגְט, הִשָּׁמֵר וְהִזָּהֵר! דוּ קֶענְסְט מַאכְן אַ שְׁטֶעטְל, אָבֶער וִוי לַאנְג דוּ לֵייגְסְט אוֹיף מַיין נָאמֶען קֶענְסְטוּ עֶס נִישְׁט טוּן, אוּנְזֶער זַאךְ אִיז תְּפִלָּה, גֵיי זָאג אִים אַז מִיר זֶענֶען זֵייעֶר צוּפְרִידְן פוּן אִים אוּן מֶען וֶועט אִים נָאכְאַמָאל בֶּעטְן.

## קֶענְט עֶסְן אוּן קֶענְסְט שְׁלָאפְן

אַז אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט מִיט חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ וֶוערְט עֶר אַן אִישׁ כָּשֵׁר, מֶען דַארְף שׁוֹין נִישְׁט קַיין סִיגוּפִים, מֶען דַארְף שׁוֹין נִישְׁט מַאכְן דִי עֲבוֹדוֹת קָשׁוֹת, מִיר זֶענֶען פָּשׁוּט'עֶ מֶענְטְשְׁן, מִיר הָאבְּן נִישְׁט דִי כֹּחוֹת פַאר דֶעם.

אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען מַיין זֵיידֶע זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה עֶר הָאט אַ גַאנְץ לֶעבְּן גֶעפַאסְט, אוּן אַגַאנְץ לֶעבְּן הָאט עֶר זִיךְ נִישְׁט אַרַיין גֶעלֵייגְט אִין בֶּעט, אִיךְ קֶען עֶס נִישְׁט נָאכְמַאכְן, אַלְס בָּחוּר בִּין אִיךְ גֶעוֶוען זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט: 'אִיךְ וֶועל שׁוֹין נִישְׁט קֶענֶען זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, וַוייל אִיךְ קֶען דָאס נִישְׁט נָאכְמַאכְן', אַז דוּ נֶעמְסְט מִיר אַוֶועק מַיין בֶּעט פַאר אֵיין נַאכְט, קֶען אִיךְ שׁוֹין נִישְׁט דַאוֶוענֶען, וִוי אַזוֹי קֶען מֶען דַאוֶוענֶען אָן שְׁלָאפְן אוּן אָן עֶסְן? אִיךְ דַארְף עֶסְן, אִיךְ דַארְף שְׁלָאפְן, אִיךְ דַארְף אַ הוֹיז מִיט אַ וַוייבּ, בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ הָאבּ גֶעטְרָאפְן דֶעם רֶבִּי'ן, אִיךְ הָאבּ גֶעטְרָאפְן מוֹהֲרָא"ש, מוֹהֲרָא"ש הָאט מִיר גֶעזָאגְט, קֶענְסְט שְׁלָאפְן גֶעהֶערִיג, קֶענְסְט עֶסְן גֶעהֶערִיג, נָאר רֶעד אַפָּאר וֶוערְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן לֶערְן אַבִּיסְל מִשְׁנָיוֹת יֶעדְן טָאג, אַבִּיסְל חוּמָשׁ יֶעדְן טָאג.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן, וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ שֵׁיינֶע זַאכְן אוּן הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן, אָמֵן.

כולל
היכל
הקודש

בנשיאות
הראש ישיבה
שליט"א

# התודה והברכה

לידידינו היקר

## הר"ד **יואל משה מייזעלס** שליט"א

## שנדב סכום הגון לכוללינו

בברכה

הנהלת הכולל